ראמאן: „איין די ציין פון טיגער" — 9-טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 30 גראשען

היינט 16 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 264/1259 | Łódź, Piątek, 18 listopada 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ"ב מרחשון תרפ"ח | Nr. 264/1259

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71-24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

## די פערזיכערונגס-געזעלשאפט „פשישלאשטש"

די פערזיכערונגס - געזעלשאפט „פשישלאשטש", וועלכע איז ארגאניזירט געווארען אין 1919 י. האט אנגעהויבען איהר טעטיגקייט פון איבערנעהמען פון דער ווילנער פערזיכערונגס-געזעלשאפט „פעניקס", די ארגאניזאציע פון דעם פאנד פון אלמנות און יתומים, וועלכע האבען ארומגענומען א ברייטע מאסע פערזיכערטע אין קליין פוילען.

א דאנק דעם ענגען קאנטאקט מיט די גרעסטע אויסלענדישע קאנצערנען ווי „פעניקס" „מינכענער ריקפערזיכערונג", „אטלאס" אין שטאקהאלם „שווייצערישע" „ריק" אין ציריך און „פראנקפורטער" האט די געזעלשאפט „פשישלאשטש" באלד ערווארבען דעם פולען צוטרוי און לאנד אין און אויסלענדישע אינסטיטוציעס א סימן, אז א גאנצע רייהע וועלט-פערזיכערונגס-געזעלשאפטען, ווי די אמעריקאנער פערזיכערונגס-געזעלשאפט „ניו-יארק", ענגלישע פערזיכערונגס-געזעלשאפט „גרעסהאם" עסטרייכישע פערזיכערונגס-געזעלשאפטען „גיזעלא" און „אליאנץ" האבען שפעטער איבערגעגעבען דער געזעלשאפט „פשישלאשטש" די ליקווידאציע פון זייערע פערזיכערונגס-פארטפעלען אין פוילען.

די לעבעדיגע פערזיכערונגס-טעטיגקייט, די בילליגסטע טאריפען, ליבעראלע פערזיכערונגס-בעדינגונגען נייע און געשיקטע פערזיכערונגס-קאמבינאציעס האבען דערפיהרט דערצו, אז „פשישלאשטש" האט זיך אין א קורצער צייט ארויסגערוקט אויף דעם ערשטען ארט צווישען די לעבענס-פערזיכערונגס-געזעלשאפטען. אין די לעצטע יאהרען האט „פשישלאשטש" פערברייטערט איהר טעטיגקייט-געביט אויף: פייער, גנבות, טראנספארט און האט אויך אויף די געביטען ארויסגעוויזען גוטע רעזולטאטען.

צום פרעזידיום פון ראט פון דער פערזיכערונגס-געזעלשאפט „פשישלאשטש" געהערען אזעלכע בעקאנטע פערזענליכקייטען ווי: ד"ר וו. סטעסלאוויטש, געוועזענער וויצע-פרעזעס פון מיניסטער-ראט, אלעקסאנדער לעדניצקי און אנד. די פערוואלטונג בעשטעהט פון די ה"ה ד"ר פעליקס גוטמאן און ד"ר מיכאל ווירשטעק.

אייניגע ציפערן וועלען אילוסטרירען די ענטוויקלונג פון דער פערזיכערונגס-געזעלשאפט „פשישלאשטש": דער פערזיכערונגס-פארטפעל בעטרעפט איבער 40 מיליאן זלאטעס, דער גרונד - קאפיטאל און רעזערוו קאפיטאל 1,500,000 זל. פון פרעמיעס — איז אין יאהר 1926 איינגעפלאסען 2,000,000 זלאטעס; דער אקטיוו בעטרעפט קרוב צו 3,000,000 זלאטעס. דערביי איז צו דערמאנען, אז די אונבעוועגליכע גיטער בעטרעפען 75,000 דאלאר און פראצענט-פאפירען פאר 350,000 שווייצארישע פראנק ביי 200,000 זלאטעס אין געלד און 100,000 זלאטעס נאמינאלע.

די בעזונדערע שטארקע פעסטקייט פון דער געזעלשאפט שטיצט זיך אויף איהר ארגאנישער פערבינדונג מיט די גרעסטע אויסלענדישע רע-פערזיכערונגס - קאנצערנען, וועלכע זענען אויטאמאטיש, אויפ'ן גרונד פון לאנגיעהריגע אבליגאציע-קאנטראקטען, בעטייליגט אין א ע אויסצאהלונגען פון „פשישלאשטש".

א דאנק דעם פערזיכערט „פשישלאשטש" איהרע קליענטען די פולע גאראנטיע פון זייערע קאפיטאלען. אונאפהענגיג פון דער ווירטשאפטליכער אדער וואלוטע-סיטואציע אין לאנד.

ווי מיר דערוויסען זיך האלט איצט „פשישלאשטש" ביים שליסען א נ'אפמאך מיט דעם פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיוו געזעלשאפטען אין ווארשא, דער דאזיגער אפמאך האט דעם ציל צו פראפאגאנדירען די פאלקס-פערזיכערונגען צווישען די מיטגלידער און סימפאטיקער פון פערבאנד, וואס זייער צאהל דערגרייכט ביז 250 טויזענד פערזאן.

„PRZYSZŁOSĆ" TOWARZYSTWO UBEZPIECZEŃ S. A.

CENTRALA: Warszawa, ul. Żórawia 42. — Telefony: 150-64, 150-57, 232-17.

גרונד-קאפיטאל 500.000 זל. די פערזיכערונג אויף 1.000.000 זל. איז אין גאנג. :-: רעזערוון איבער 1.000.000 זל. געדעקט איינגאנצען אין אונבעוועגליכע גיטער און פראצענט-פאפירען.

אויף דאלארען און זלאטעס אין געלד. :-: די סומע פון פערזיכערטע קאפיטאלען אין דער לעבענס-פערזיכערונגס-געזעלשאפט איבערשטייגט 50.000.000 זל.

פערזיכערונגס=אבטיילונגען:

לעבענס-פערזיכערונג (אויך פאלקס- און רענטען-), פון פייער, פון גנבה און רויב, ווי אויך פון טראנספארטען.

אבטיילונגען: לאדז, לעמבערג, קראקא, ביעלסק, ווילנא, קאטאוויץ, פויזען, ביאליסטאק און בענדין.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז לויט א פערשטענדיגונג מיט אונזער גענעראל-רעפרעזענטאנט ה' ס. אפאטאווסקי האבען מיר אנפערטרויט דעם ה' ד"ר א. מארגע דעם אמט אלס ליטער פון דער ארגאניזאציע פון דער גענעראל-רעפרעזענטאנץ אויף לאדזער וואיעוואדזטווא.

DYREKCJA TOWARZYSTWA UBEZPIECZEŃ „PRZYSZŁOŚĆ".

געגרינדעט אין יאהר 1870

קויפט — און — פערלאנגט — אין אלע — מעבעל=געשעפטען

ווינער שטיהל

אין פערשידענע פאסאנען גאלאנטעריע=מעבעל ווי אויך זעמטליכע

נאר פון דער בעסטער פירמע

TOWARZYSTWO AKC. FABRYKI MEBLI GIĘTYCH

„WOJCIECHÓW"

וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר סאלידער, שעהנער און איינגעארטיגער אויספערטיגונג. ◆ לעצטע נייהייטען ◆◆ עקזיסטירט פון יאהר 1870.

און מיר בעטען אונזערע געעהרטע קונדען אכט צו לעגען אויף אונזער פאבריקס-עטיקעט מיט דער אויפשריפט „WOJCIECHÓW"

גלייכצייטיג מאכען מיר בעקאנט, אז דעם אליין=פערקויף פון אונזערע אויסארבייטונגען

אויף לאדז און לאדזער וואיעוואדזטווא פיהרען די פירמעס:

א. וו. שעראקאוויאק, נאפיורקאווסקא 44 צוזאהר מיט די טראמוואיען נומ' 4 און 17.

ב. פרידבערג, פעטריקאווער 214. טעל. 71-64.

געגרינדעט אין יאהר 1870

# נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 18 נאָוועמבער 1927

לאָדז, 18 נאָוועמבער 1927

# אייגען בלוט און פרעמדס

## געמישטע הייראַט, גרים און ראַסענריינקייט.

### פון ב. צ. גאָלדבערג

פערציג געזעלשאַפטען האָבען אין פערגאַנגענעם יאָהר געאַרבייט אויף אָפּצו׳שמד׳ען יודען. און דאָס זענען געווען נאָר פון פּראָטעסטאַנטען. די קאַטוילִיקען, כידוע, האָבען אויך נישט פיינט אָפּצושפּרענקלען אַ יודען מיט׳ן הייליגען וואַסערל. וויפיל געלט עס איז ביי די פערציג געזעלשאַפטען אַוועקגעגאַנגען פאַר׳ן יאָהר איז נישט באַקאַנט. נאָר זיבען און צוואַנציג פון די פערציג האָבען אויסגעגעבען באַלד צוויי מיט אַ פערטעל מיליאָן אויף יודישע נשמות אין פערגאַנגענעם יאָהר. אויב די איבעריגע דרייצעהן געזעלשאַפטען האָבען אויסגעגעבען פּראָפּאָרציאָנעל ווי די זיבען און צוואַנציג, האָבען די פּראָטעסטאַנטען אַליין אויסגעגעבען אָפּצו׳שמד׳ען יודען פאַר איין יאָהר, נאָהענט צו דריי און האַלב מיליאָן דאָלאַר.

וויפיל יודישע נשמות האָבען זיי פאַר דעם געלט איינגעקויפט? דאָס ווייס מען נישט. די ציפערען ווערען נישט אָנגעגעבען. און מען קאָן זיין זיכער, אַז ווען די ציפערען וואָלטען געווען בעדויטענד, וואָלטען די מיסיאָנערען זיך נישט געשעהמט זיי אויסצוזאָגען. און טאַקע דערפאַר, וואָס דאָ שווייגען די ציפערען, און צו דעם נעהמט איהר אין אַכטבעטראַכט, אַז אויף אַ קריסטליכער סטודענטען-געזעלשאַפט האָט מען זיך געקלאָגט, וואָס צוליב פערפאָלגונגען אויף יודען מצד די קריסטען, ווערט יעזוס ביי די יודען אַלץ פרעמדער און פרעמדער — קאָנען מיר פון דעם דרינגען, אַז אַ יודישע נשמה קאָן די פּראָטעסטאַנטען אָפּקאָסטען אַ גרויסען מאַיאָנטעק, אַוואַדע אין די צעהנדליגער טויזענטער, אויב נישט אין די הונדערטער טויזענטער.

אָבער דער איבערגאַנג פון יודען צום קריסטענטום איז דאָך געוואַקסען אין די לעצטע יאָהרען און דוקא גאָר נישט פון מיסיאָנערען. דאָ איז געווען קופיד, דער גאָט פון ליבע, דער מיסיאָנער. און די געמישטע הייראַטען זענען געוואָרען די מאָדערנע בריק צווישען דער סינאַגאָגע און דער קירך. אמת, די בריק פיהרט אַהין אי צוריק. פונקט ווי די געמישטע הייראַט פיהרט יודען צום שמד, אַזוי פיהרט זי אויך קריסטען צו ווערען יודען. און מיר שטעהען היינט פאַר אַ נייער ערשיינונג אין יודישען לעבען, ביי וועניגסטענס פאַר די לעצטע הונדערט יאָהר, ווען מיר האָבען אַ בעדייטענדע אימיגראַציע פון גוי׳אישען לאַגער אין יודישען און פון יודישען אין גוי׳אישען.

אין וויען פאַר׳ן לעצטען יאָהר, האָבען אַ ניין הונדערט יודען זיך געשמד׳ט און אַ דריי הונדערט גויים האָבען זיך מגייר געווען. דאָ האָבען יודען פערלוירען צוויי-דריטעל פון דער „טראַנזאַקציע". אין אונגאַרן ווידער, האָבען מיט פינף יאָהר צוריק 400 יודען זיך געשמד׳ט און 340 גויים האָבען זיך מגייר געווען. דאָ האָבען שוין יודען פערלוירען נאָר עטוואָס איבער אַ דריטעל. און לויט די בעריכטען פון אונגאַרן האַלטען די דאָזיגע צאָהלען כמעט ווי אין אויסגלייכען זיך. דאָס הייסט, אַז באַלד אַזוי פיל גויים זענען זיך מגייר ווי יודען שמד׳ען זיך.

פאַר וואָס זענען אונזערע „נאַציאָנאַלע געשעפטען" אַזוי גוט אין אונגאַרן און אַזוי געפאַלען אין וויען? אַ קוק אויף די ציפערען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די צוויי ערטער וועט אונז אויפקלעהרען. יודען אין וויען זענען דאָ אַ סך, אַרום דריי הונדערט טויזענד, אָבער זיי בילדען נאָר זעכצעהן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג פון שטאָט, בעת די יודען אין בודאַפּעשט, הגם אַביסעל ווינציגער ווי אין וויען, שטעלען זיי מיט זיך פאָר גאַנצע דריי און צוואַנציג פּראָצענט פון דער שטאָטישער בעפעלקערונג. און די געמישטע חתונות ווי דער שמד, אין אונגאַרן, קומט דאָך הויפּטזעכליך פון בודאַפּעשט. אין אַנדערע ווערטער, דאָרטען וועט די געמישטע הייראַט זיך אויסלאָזען פונקט אַזוי אָפט מיט׳ן מגייר זיין זיך פון קריסט, ווי מיט׳ן שמד׳ען זיך פון יודען. דאָרטען וואו די יודישע סביבה איז קלענער און שוואַכער, דאָרטען פיהרט דער סאָציאַלער דרוק גיכער צום שמד.

דער זעלבער פּראָצעס קומט פאָר אויך אין אַמעריקע, אין רוסלאַנד און אין נייעם יודישען ישוב, אין מעקסיקאַ.

געמישטע הייראַטען קומען פאָר אָפט און אין אַלץ גרעסערע צאָהלען, און די נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איז לאָקאַל שטאַרקער און וואָס דריקט אויס דעם שטאַרקערען געזעלשאַפטליכען דרוק, די געווינט. די שוועכערע פערלירט. אין דער קלענערער שטאָט אין אַמעריקע, אין דער טיף רוסישער שטאָט, אין דעם פּראָוואָרפענעם מעקסיקאַנישען פּראָווינץ-שטעטעל, דאָרטען פערלירט כמעט שטענדיג דער יודישער צד. אין דער גרעסערער יודישער שטאָט אין אַמעריקע, איבערהויפּט ווען דער יוד האָט דאָ אַ גרויסע משפּחה, און אין דער יודישער געגענט אין רוסלאַנד, ווי אין דער יודישער מעקסיקאַ, דאָרטען געווינט דאָס יודישע פאָלק אַזוי אָפט ווי דאָס קריסטליכע און אַמאָל געווינט נאָך דאָס יודישע פאָלק אָפטער.

די לאַגע פון געמישטע הייראַט איז מעהר קאָמפּליצירט אין מעקסיקאַ און אַמעריקאַ צוליב בעזונדערע לאָקאַלע סיבות. אין מעקסיקאָ איז דער יודישער ישוב נאָך יונג און שוואַך. דער יודישער אימיגראַנט איז נאָך אַ „גרינער". ער הויבט ערשט אָן זיך צו לערנען שפּאַניש. ווען ער הייראַט אַ מעקסיקאַנער מיידעל, ווערט ער נישט ווילענדיג אָפּגעריסען פון דעם „גרינעם" יודיש-ריידענדיגען כלל, און אַזוי ווי קיין אַנדערער איז נאָך פאַר איהם נישטאָ, מוז ער אַוועקגעהן אין דעם קרייז פון זיין פרוי — אין דער קאַטויליש-מעקסיקאַנער וועלט.

אין אַמעריקאַ האָבען מיר די זעלבע צרה פון פונקט דער פערקערטער לאַגע. אין דער גרויסער שטאָט אין אַמעריקאַ איז שוין דאָ אַ דענאַציאָנאַליזירטער קרייז, וואָס איז אַמעריקאַניש און נישט מעהר. נישט ער האָט עפּעס וואָס פאַר אַ שייכות מיט דער קירך, נישט מיט אַ בעשטימטער נאַציאָנאַליטעט. מען רעדט ענגליש און מען לעבט אויף ענגליש און פערטיג. דאָ איז נישט שייך איבערגעהן פון יוד צום גוי אָדער פון גוי צום יוד. דאָ איז אַ קאָסמאָפּאָליטיש פעלד. אָבער סוף כל סוף איז עס אַ גוי׳איש פעלד. די קינדער, און אויב נישט די קינדער, איז די אייניקלעך, ווילען צוריקקעהרען צו רעליגיע, און זייער רעליגיע וועלען זיי געפינען אין דער קריסטליכער קירך. וואָרום זייער גאַנצער קולטור-לעבען, אַפילו דער ראַציאָנאַלער, איז אַ קריסטליך לעבען. דאָס קאָסמאָפּאָליטיש-אַמעריקאַנישע איז פאַר יודען אַ גוי׳אישע וועלט.

דער סך-הכל איז, אַז די יודישע ראַסע געווינט איצט צו אַ היבש ביסעל פרעמד בלוט. צי דאָס וועט בייטען די פאָרם פון יודישקייט איז נאָך דערווייל שווער צו זאָגען. מן הסתם וועט עס זיך ענדיגען דאָס מאָל, ווי פריהערדיגע מאָל אין דער יודישער געשיכטע, ווען ניי בלוט האָט זיך אַריינגעגאָסען אין יודישען פאָלק. דאָס, וואָס איז אַוועק אין דער פרעמד, איז פערלוירען געגאַנגען, און וואָס עס איז געקומען פון דער פרעמד איז אַריין אינוועניג און בטל בששים געוואָרען. אָבער גאָר אָהן אַ ווירקונג געהט עס נישט אַריבער, אָבער דעם פּנים פון יודען וועט עס זיכער בייטען. צוויי-דריי דורות שפּעטער וועלען אַ היבש ביסעל יודען אויסקוקען אַביסעל אַנדערש ווי יודען קוקען היינט אויס, און עס וועט אַלץ שווערער ווערען צו דערקענען דעם יוד פון גוי.

---

# די ווידוי פון אַ יודען

## אין בריף צו דאָסטאָיעווסקי׳ן

מיט אַ יאָהר דריי צוריק האָבען מיר אין אַ רייה אַרטיקלען געבראַכט אַן אָפּהאַנדלונג און אַ גענויעם אינהאַלט פון לעאָניד גראָסמאַנ׳ס בוך „די ודוי פון אַ יודען אין בריף צו דאָסטאָיעווסקי׳ן". דאָס בוך איז נישט לאַנג ערשינען אין אַ דייטשער איבערזעצונג*) און די, פאַר וועלכע דאָס בוך פון דעם בעריהמטען דאָסטאָיעווסקי-פאָרשער איז נישט צוגענגליך אין אָריגינאַל, וועלען האָבען די מעגליכקייט דערמיט זיך צו בעקענען דורך דער גוטער מינכענער אויסגאַבע.

לעאָניד גראָסמאַן האָט אין זיין בוך צונויפגעקליבען אַלע מאַטעריאַלען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער פּערזענליכקייט פון קאָוונער׳ן, דעם מערקווירדיגען קאָרעספּאָנדענט פון׳ם גרויסען רוסישען שריפטשטעלער און אויפ׳ן גרונד פון קאָוונער׳ס בריף, זיינע מעמואַרען, ליטעראַרישע שריפטען, דאָסטאָיעווסקי׳ס ענטפער צו קאָוונער׳ן האָט דער קריטיקער געגעבען אַ פאָלקאָם בילד פון דעם אייגענאַרטיגען יודיש-רוסישען פּובליציסט און זיין אויסערגעוועהנליכען לעבענסגאַנג.

אַבראַהם אורי קאָוונער (שפּעטער האָט ער זיך גערופען אַלבערט, אויך אַרקאַדי) איז געבוירען געוואָרען אין אַן אָרימער יודישער פאַמיליע אין ווילנע. ער האָט געלערענט אין חדר און ישיבה, האָט פּריה חתונה געהאַט. דער דראַנג נאָך וועלטליכער בילדונג האָט איהם געבראַכט קיין קיעוו, וואו ער האָט אָנגעהויבען זיין פּובליציסטישע טעטיגקייט. ער האָט צוערשט געשריבען אויף העברעאיש און זיינע שאַרפע און שאַרפזיניגע אַרטיקלען האָבען געמאַכט אין זיין צייט אַ גרויסען רושם. דאַן האָט ער גענומען שרייבען רוסיש און אויך אויף דעם געביט האָט ער זיך גיך ערוואָרבען אַ נאָמען.

אין יאָהר 1873 איז קאָוונער אַריינגעטרעטען אַלס קאָרעספּאָנדענט אין מאָסקווער קאָמערץ-באַנק. צו דערזעלבער צייט האָט ער זיך פערליבט אין אַן אָרים יודיש מיידעל, וועלכע איז קראַנק געווען אויף שווינדזוכט. וועלענדיג ראַטעווען דאָס מיידעל, וועלכע איז געווען אין איהם אויך פערליבט, האָט ער זיך ענטשלאָסען אויף אַ פערברעכען. מיט דער הילף פון איינעם הערץ באַיאַרין האָט קאָוונער דורך אַ פאַלשען טשעק אָפּגענומען אין דער באַנק 168 טויזענד רובעל. אַ פערטעל פון דעם געלד האָט בעקומען דער שותף און מיט דער איבעריגער סומע האָט קאָוונער געוואָלט אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. אין קיעוו האָט מען איהם פערהאַלטען. ס׳איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, וועלכער האָט דעמאָלט אַרויסגערופען אַ גרויסע סענסאַציע, (קאָוונער׳ן האָט פערטיידיגט דער בעריהמטער אַדוואָקאַט קופּערניק) און קאָוונער איז פער׳משפט געוואָרען אויף 4 יאָהר תפיסה. און דאָ הויבט זיך אָן דער אינטערעסאַנטסטער מאָמענט אין קאָוונערס לעבען און טעטיגקייט. פון תפיסה שרייבט ער אַ בריף צו דאָסטאָיעווסקי׳ן און אין דעם בריף בעמיהט ער זיך צו גערעכטפערטיגען זיין טאַט. ער בעווייזט דאָסטאָיעווסקי׳ן, אַז בעגעהענדיג זיין פערברעכען, האָט ער זיך געפונען אין דער לאַגע פון דאָסטאָיעווסקי׳ס העלד ראַסקאָלניקאָוו (ראָמאַן „פערברעכען און שטראַף") און ער מאַכט דאָסטאָיעווסקי׳ן פאַר אַ ריכטער איבער זיך און זיין האַנדלונג.

דער בריף איז געווען אַזוי האַרציג, אַזוי אויפריכטיג און טיפזיניג געשריבען, אַז דער גרויסער דאָסטאָיעווסקי, וועלכער איז צו יענער צייט געווען פערוואָרפען מיט אַרבייט און מיט בריף פון אַלע זייטען, אַזוי אַז יחידי סגולה האָבען געקאָנט האָפען אויף אַן ענטפער, דאָסטאָיעווסקי האָט קאָוונער׳ן געענטפערט.

קאָוונער האָט נאָך עטליכע מאָל געשריבען צו דאָסטאָיעווסקי׳ן און — אַ מערקווירדיגע זאַך: אָט דער מענש, וועלכער איז געהאַט איינגאַנצען אַוועקגעגאַנגען פון יודענטום, האָט געהאַט איבערגעריסען אַלע פעדים מיט זיין אַמאָליגער יודישער סביבה, צווינגט אַרויס אויף אַ ויכוח דעם גאָניאַלען שריפטשטעלער וועגען זיין, דאָסטאָיעווסקי׳ס בעציהונג צו יודען. דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט אין משך פון אַ 15 יאָהר געהאַט ראַדיקאַל געביטען זיינע אַנשויאונגען בכלל און די בעציהונגען צו יודען בפרט, וועלכער איז פון אַ יודען-פערטיידיגער געוואָרען כמעט אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, ער הערט זיך צו אויפמערקזאַם צו די ווערטער פון קאָוונער׳ן, דעם טשעקען-פעלשער, וואָס שמאַכט אין תפיסה. דער גרויסער שריפטשטעלער פּאָלעמיזירט מיט׳ן אַרעסטאַנט, און אין אַ רייה ערטער פון דאָסטאָיעווסקי׳ס בעריהמטען „טאָג-בוך פון אַ שריפטשטעלער" געפינען מיר אָפּקלאַנגען פון דער דאָזיגער פּאָלעמיק.

קאָוונער האָט געשריבען נישט בלויז צו דאָסטאָיעווסקי׳ן, נאָר אויך צו טאָלסטאָי׳ען און צום בעקאַנטען רוסישען קאָנסערוואַטיווען פּובליציסט און פילאָזאָף (מיטאַרבייטער פון „נאָוואָיאַ ווריעמיאַ") וו. וו. ראָזאַנאָוו. אויך אין די בריף טרעט קאָוונער אַרויס אַלס הייסער פערטיידיגער פון די יודען, אַלס טאַלאַנטפולער פּראָטעסטאַנט געגען די עוולות, וואָס ווערען געגען די יודען בעגאַנגען.

די אַלע מאַטעריאַלען זענען געזאַמעלט און גלענצענד בעאַרבייט אין לעאָניד גראָסמאַנס בוך, וואָס האָט און וועט האָבען אַ קאָלאָסאַלען קולטור-היסטאָרישען און פּסיכאָלאָגישען ווערט.

ל. ב.

*) Leonid Grossmann,Die Beichte eines Juden in Briefen an Dostojewski, München R. Piper u. Co. Verlag.

---

# טאָג-בוך פון אַ וואָלף

## פון אונגאַ-רישען

הונגעריג ווי אַ וואָלף — זאָגען די מענשען. דאָס איז אמת, מיר איז טאַקע נישט איינמאָל אויסגעקומען אַריינצוכאַפּען אַ שעפּסעל. און אַמאָל — אַ פערד, און אַן אַנדערט מאָל — אַ קוה. נו, און די מענשען? פון זיי האָט מאַנכער איינגעשלונגען אַ גאַנץ לאַנד. אָדער — אַ גאַנץ פאָלק. אָדער אַ געזעלשאַפטליכען קלאַס. אָדער — אַ גאַנצע אַרמעי. איין מענש האָט אויפגעפרעסען מיליאָנען מענשען. און דאָך וועלען מיר וועלף, קיינמאָל זיך נישט ערלויבען צו זאָגען: הונגעריג, ווי אַ מענש.

*

איך, דער וואָלף, דענק מיט מיינע ציינער. ער, דער מענש, בייסט מיט זיין מאַרך.

*

אַ מאָדנע חיה דאָס איז דער מענש. אַ רויבער, אונטערצונדער, מיליטאַריסטיש, באַנק-דירעקטאָר, דעפּוטאַט, פּראָקוראָר. און דאָס אַלץ — נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיינער אַ ווייטער קרוב — דעם הונד בעמיהט זיך שוין זייט טויזענדער יאָהרען איהם צו בענדיגען, בכלל צו דרעסירען.

*

ווער פון אונז ביידע איז אַ פרעסער? איך עס, ווען איך בין הונגעריג. ער עסט פינף מאָל אַ טאָג. איך עס, ווייל איך בין הונגעריג. ער עסט דערפאַר, ווייל ס׳איז מאָרגען, ווייל ס׳איז מיטאָגצייט, ווייל ס׳איז נאָכמיטאָג, ווייל דער זייגער האָט געשלאָגען פיר אָדער דער זייגער האָט געשלאָגען אַכט.

*

און טרינקען טרינקט ער אויך דעמאָלט ווען ער איז נישט דורשטיג. און מיט ליבע פערנעמט ער זיך אויך דעמאָלט ווען ער האָט נישט ליב.

*

ווען פון צוויי וועלף עסט איינער, ווייס איך, אַז עס עסט דער, וועלכער איז הונגעריג. ווען פון צוויי מענשען עסט איינער, קאָן איך קיינמאָל נישט וויסען, צי ס׳עסט נישט דער, וועלכער איז זאַט און ס׳קוקט זיך צו דער, וועלכער איז הונגעריג.

*

אַ באַנקיר ראָמאַנסירט מיט אַ דאַמע און קויפט איהר אַ וואָלפישען פוטער. דאָס פערשטעה איך נישט. איך האָב אויך ליב מיין ווייב, פונדעסטוועגען קומט מיר נישט אין קאָפּ אַריין איינצוהילען איהר אין מענשליכער פעל.

*

אין איין הינזיכט האָבען מיר זיך דאָך איינגעאָרדענט זעהר געשיקט. מיר האָבען איינגערעדט די מיליאָנערען, אַז אַ סויבעל-פעלץ איז עלעגאַנטער פאַר אַ וואָלפישען. פון דעמאָלט אָן האָבען זיי אונז גענומען לאָזען צורוה און איצט זענען גאָט זיי דאַנק, צווישען אונז פערהאַן אַזעלכע, וועלכע קאָנען אָנרופען אַלס זייער אייגענטום נישט נאָר זייער פלייש און ביינער, נאָר אויך זייער פעל.

*

ווער עס גראָבט דעם צווייטען אַ גרוב, דער פאַלט אין איהם אַליין אַריין. נאָר ווען עמיצער גראָבט פאַר מיר אַ גרוב, פאַל איך דוקא אַריין (יעדענפאַלס אַזוי איז עס געוועזען ביז איצט).

ל. לאַקאַטאָש.

# CASINO

היינט און פאָלגענדע טעג היינט און פאָלגענדע טעג

גרויסער פילם פון גליהענדע הערצער. עראָטיזם און בענקשאַפט, אונטער'ן נאָמען:

# „דער שטורם פון ליבע"

JOHN BARRYMORE דראַמע געשאַפען אויפ'ן גרונד פון בייראָנ'ס פּאָעמע „Don Juan" די טיטול-ראָל שפּילט דער גרעסטער וועלט-טראַגיקער, ליבלינג פון די פרויען

Mary ASTOR, Estella TAYLOR, Helena COSTELLO, Phyllis HAVER אין די 4 הויפּט-ראָלען: די שטראַהלענדע

אכטונג! „Don Juan" — דער קולמינאַציאָנס-מאָמענט פון סעזאָן. „Don Juan" — דאָס איז מוזיק, געלעכטערס, הילכיגע וואַקכאַנאַליעס און דער רויש פון די קאַסטאַניעטען.

אָנהויב פון די סעאַנסען: 4.30 נאָכמיטאָג. סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' לעאָן קאַנטאָר. אָנהויב פון די סעאַנסען: 4.30 נאָכמיטאָג.

# SPLENDID

20 נאַרוטאָוויטשא 20

## היינט גרויסע פּרעמיערע!

דער פּראַכטפולער פילם א.נ.

# דעם גרויספירשט'ס ראָמאַנס



— אין דער הויפּטראָלע דער ליבלינג פון אומעטום —

# HARRY LIEDTKE

## Xenia DESNI

ווי אויך די וואונדער-ליכע גאָלד - האָריגע

2 שעה אונאויפהערליך געלעכטער!

אנהויב פון די סעאַנסען 4.30 נאכמיטאג.

שבת און זונטאָג פון 1.30 ביז 3 נאָכמ. זענען די פּרייזען פון אַלע פּלעצער

50 גראָשען און 1 זל.

אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' א. טשודנאָווסקי.



HARRY LIEDTKE

# CZARY

היינט

## פייערליכע פּרעמיערע!

# ראָבינזאָן אין דזשונגלי

סענסאַציאָנעלע עפּאָפּעי פון די פּאַסירונגען פון דער פאַמיליע ראָבינזאָן אין די ווילדע דזשונגלעס.

— אין דער הויפּטראָלע — דער מאָדערנער הערקולעס

# JOE BONOMO

— אין דער הויפּטראָלע — דער מאָדערנער הערקולעס

לייבען, טיגערס, לאַמפּאַרטען, קראָקאָדילען, מאַלפּעס, רעקינעס און העלפאַנטען.

לויט דער בעוואוסטער ערצעהלונג פון J. R. Wyss „דער שווייצאַרישער ראָבינזאָן".

ים-שטורמען! שיף-אונטערגאַנג! שרפה אין דזשונגלי! פולווער-אויפרייס! קאַמף מיט ים-רויבער! קאַמפּען מיט טיגערס!

טעגליך ספּעציעלער סעאַנס פאַר קינדער און יוגענד צו 60 גראָשען

פון 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג פון 12 אַ זייגער מיטאָג.

סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' סאַנדאָמיערסקי.



# Grand-Kino

היינט און פאָלגענדע טעג! דאָפּעלטער פּראָגראַם אין 16 אַקטען, וואָס בעשטעהט פון 2 גרויסע שלאַגערן, נישט צווייסליכע קייט פון „Qui pro Quo" גע עכטער! הומאָר! וויצען! די גאַנצע וועלט איז ענטציקט פון

1) „ONA MA COś"

8 אַקטען געלעכטער, הומאָר און וויץ. :—: אין דער הויפּט-ראָל די טעמפּעראַמענטפולע און וואונדערבאַרע

CLARA BOW i ANTONIO MORENO

2) פילם-מייסטערווערק אונטער'ן נאָמען:

# די ליבע פון אַ אַפּאַשקע

מעכטיגע דראַמע אין 8 אַקטען, — אין די הויפּט-ראָלען:

Charlej Ray i Iwan Grawford

אָנהויב פון די סעאַנסען: 4.30 און 10 אין אָוונד. אויפ'ן ערשטען סעאַנס זענען די פּרייזען פון 50 גר. סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' קאַנטאָר.

# CORSO

צום 1-טען מאָל אין לאָדז

שוין לאַנג נישט געזעהענער

# EDDIE POLO

אין זיין נייעסטען פילם אייראָפּעאישע פּראָדוקציע פון 1927/28 יאָהר אונטער'ן נאָמען:

# דער העלד פון אַבינעזישער מלוכה

# ODEON

סענסאַציאָנעלע סאַלאָן - דראַמע אין 2 סעריעס, 16 אַקטען, געשפּילט צוזאַמען.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufma

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.